בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' חיי שרה | י"ח חשון | תשע"א | סוטה מ:

# באריכט:

נעכטן אווענט איז געקומען צו מרן רבינו שליט"א אויף א באזוך הרה"ג ר' בירך יודא היימליך שליט"א מו"ץ בעדה החרדית אין ירושלים עיה"ק, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א הלכה'דיגע שמועס בעניני שחיטה ועוד.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א ראה"כ תו"י וויליאמסבורג, און הב' בן מוה"ר הערש אלימלך ווערצבערגער הי"ו פון קרית יואל.

פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען די ברית'ן לבן הנולד לר' יואל מאשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל, און בן הנולד לר' ראובן פאלאטשעק הי"ו פון קרית יואל.

❧•❧

היינט פארמיטאג זענען געקומען צו מרן רבינו שליט"א די תלמידי ישיבה "כינור דוד" פון בארא פארק, מקבל צו זיין ברכתו הקודש.

❧•❧

❧•❧

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג פון 8:00 ביז 11:00 אווענט. קומענדיגע וואך – פ' תולדות וועט נישט זיין קיינע זמני כניסה צוליב די ביקרו קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אין עיה"ב לאנדאן לרגל די הכתרה פון הגה"צ אבד"ק קהלתינו לאנדאן שליט"א.

❧•❧

## שיינער שבע ברכות
## אין היכל ישיבה קרן התורה

אין ישיבה קרן התורה איז דעם זונטאג פאהרגעקומען א שיינער מסיבת שבע ברכות לכבוד צוויי חשובע מגידי שיעור וועלכע האבן חתונה געמאכט די וואך הרה"ג ר' יוסף פריעדמאן שליט"א און הרה"ג ר' חיים יעקב קאהן שליט"א.

דער מסיבת שבע ברכות איז געפראוועט געווארן אין היכל הישיבה מיט די באטייליגונג פון אלע תלמידי ורמ"י הישיבה אין שפיץ פון הגה"צ אבד"ק קהלתינו וומסב"ג שליט"א וועלכער האט באשיינט די שמחה און אויפגעטרעטן מיט דברי תורה.

## ספעציעלער רוף פון ווער משמרת חומותיך ירושלים

א חשובע'ר גאסט פון ירושלים עיה"ק, הרה"ג ר' גבריאל נויפעלד שליט"א מו"ץ העדה החרדית ומרבני קהילת דושינסקיא, געפונט זיך אצינד דאהי' אין ניו יארק לטובת די בארימטע מוסדות חינוך ירושלים לבנות - על טהרת הקודש.

מטעם הנהלת וועד משמרת חומותיך ירושלים ווערן אנשי שלומינו אויפגעפאדערט זיך אנצורופן ווארעם און מחזק זיין אט דעם הייליגן מוסד אין אזעלעכע שווערע אומשטענדן.

*-ישלח עזרך מקודש ומציון יסעדך-*

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**